בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



וישלח

ט"ז כסלו תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:52 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:16 |
| סוזק"ש ב' | 8:55 | סוז"ת ב' | 9:46 |

גליון מס':
קס"ג
שנה ד'


## טיב המערכת

### ווען שעץ איך?

אויף דער עלטער פון דער הייליגער 'חתם סופר', איז ארויסגעגאנגען א שווערע גזירה פון דער רעגירונג איבער די אידן, און מען האט זיך געדארפט משתדל זיין ביי די מלוכה עס צו מבטל זיין. דער הייליגער חתם סופר איז דעמאלטס שוין נישט געווען בכח אליין צו גיין דארט, און דעריבער האט ער געשיקט א שליח צו גיין אנשטאט אים. דער שליח וואס ער האט געשטעלט פארן דאזיגן אויפגאבע, איז געווען א געוואלדיגער ירא שמים, און דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט אויף אים אז זיין האנט איז ממש אזוי ווי זיין האנט. אט דער שליח איז געגאנגען צוזאמען מיט נאך צוויי שלוחים פון די אנדערע קהילות פון לאנד, און זענען אנגעקומען צום הויז פונעם קעניג.

ביים קעניג אין פאלאץ האט מען זיי מכבד געווען מיט א מילעכיגן געטראנק, און די צוויי אנדערע שלוחים האבן זיך מתיר געווען עס צו טרינקען טראצדעם וואס עס איז געווען חלב עכו"ם, וויבאלד זיי האבן אים געמיינט אז עס איז נישט אזא הארבער איסור, און אויך ווייל שלוחי מצוה אינם ניזוקין. אבער דער שליח פונעם חתם סופר האט בשום אופן נישט געוואלט טרינקען. ווען דער קעניג האט דאס געזען, האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן פארוואס ער טרינקט נישט, האט ער געענטפערט אז לויטן שולחן ערוך איז נישט ערלויבט צו טרינקען חלב עכו"ם, אויסער אויב דער איד זעט וויאזוי מען מעלקט דעם קו.

פונקט אינעם זעלבן רגע איז דער משרת אריינגעקומען צום קעניג. דער קעניג האט אים געפרעגט פארוואס ער שפירט אן אנדער טעם אין די מילך, אנדערש ווי יעדן טאג, און דער משרת האט געענטפערט אז היינט האט מען פארשאפט א ספעציעלן סארט מילך – די מילך פון א קעמל.

ווען דער קעניג האט געזען וויאזוי דער איד איז געראטעוועט געווארן פון אן איסור דאורייתא מיטן כח פון די מסירות נפש וואס ער האט געהאט אויף קיום התורה, האט ער באשלאסן אים אויפצונעמען אלץ שר איבער אלע אנגעלעגנהייטן פון די אידן אין אלע ערטער פון זיין קעניגרייך, וויבאלד ער האט זייער שטארק געשעצט זיין פעסטע עקשנות אין זיינע פרינציפן און ער האט געוואוסט אז ער וועט אלעמאל וויסן שטיין אויפן אמת ביזן סוף, אן צו מאכן קיין שום פשרות.

צומאל זעט אונז אויס, אז דאס שטיין פעסט און מיט עקשנות אכטונג צו געבן בְּקַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, טוט פארמינערן אונזער ווערד אין די אויגן פון אונזערע ארומיגע, און מיט אט דעם געפיל פראבירט דער יצר הרע אונז איינצורעדן אז מיר זאלן איינגיין אויף פשרות אין פארשידענע ענינים, איבערהויפט ווען מיר דארפן צוקומען צו זייערע טובות, דער אמת איז אבער אז דאס איז נישט מער ווי אן אויגן-פארבלענדעניש, און אין אמת'ן וועט אונזער פעסטע עקשנות דווקא צוגעבן צו אונזער עהרע אין די אויגן פון אונזערע ארומיגע.

דאס זעלבע זעען מיר אויך אין די פרשה פון די וואך, אז ווען יעקב האט געוואלט איבערבעטן עשו, האט ער אים געשיקט זאגן 'עִם לָבָן גַּרְתִּי', און רש"י איז מפרש אז ער האט אים געזאגט אז כאטש איך האב זיך אויפגעהאלטן אזויפיל יארן מיט לבן, פונדעסטוועגן האב איך געהיטן די תרי"ג מצוות. דווקא דעמאלטס האט יעקב געזען פאר וויכטיג צו מעלדן עשו איבער זיין דקדוק אין היטן די מצוות, וויבאלד ער האט געוואוסט אז אפילו דער רשע וואס גייט נאך זיין יצר הרע, פונדעסטוועגן אין די טיפענישן פון זיין הארץ שעצט ער די וואס גייען מיטן אויבערשטן בתמימות, און ווערן נישט נתפעל פון די צורעדענישן פונעם יצר.

(עפ"י טיב התורה – וישלח)

## טיב הפרשה

# נצחון קעגן דעם יצר הרע מיט ישוב הדעת

## קטונתי מכל החסדים

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מלחמה צווישן יעקב און עשו. אין די תוה"ק ווערט דערציילט אז יעקב אבינו האט זיך געגרייט קעגן עשו מיט א דורון און מיט תפילה און אויך מיט מלחמה.

די מלחמה מיט עשו איז געווען סיי מיט געווער און ארמיי-לייט, אבער אויך מיט א שארפער ווערטער אויסטויש. יעקב אבינו האט געשיקט זאגן פאר עשו אז ער איז געווען אסאך יארן מיט לבן און אז דאס האט נישט משפיע געווען אויף אים, אז מיט דעם אלעם איז ער געבליבן ערליך און אפגעהיטן די מצוות, ווי חז"ל זאגן אז אין די ווערטער 'גרתי' איז מרומז 'ותרי"ג מצוות שמרתי'.

ווייטער אין די פרשה באגעגענען מיר די תפילה וואס יעקב אבינו האט מתפלל געווען. יעקב אבינו האט געבעטן ביי הקב"ה ער זאל אים אפהיטן. די תפילה פון יעקב אבינו הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'קטונתי מכל החסדים' אז איך בין נישט ווערד די חסד אבער דאך בעט איך דיר, האב רחמנות אויף מיר, דערבארעם זיך אויף מיר און העלף מיר ארויס.

מיר ווייסן אז ווי גרעסער א צדיק איז אלץ קלענער איז ער ביי זיך, אבער דאך ווען מען זעט די ווערטער 'קטונתי מכל החסדים' ווערט אביסל שווער צו פארשטיין די ווערטער פון יעקב אבינו.

נאך אזויפיל יארן וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב און זיך געמוטשעט מיט אים, צי איז דאס אליין נישט קיין זכות פאר אים? מען קען זיך פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעזען די שטוב פון לבן הרשע, אין די תורה הק' לערנען מיר אז עס איז געווען א בית מלא טומאה, א שטוב פול מיט כישוף, מיט מידות רעות, און יעקב אבינו איז דארט געווען אליין און זיך געהאלטן אזוי שטארק.

עס איז אמת אז מען קען קיינמאל נישט יוצא זיין כלפי שמיא, אבער א שטיקל זכות פאר אים וואלט עס געדארפט זיין. ער וואלט עס געמעגט דערמאנען און זאגן, רבש"ע, געב א קוק, איך האב זיך געהאלטן אלע יארן און איך געבליבן ערליך, העלף מיר בזכות פון דעם, אז איך זאל ניצול ווערן


מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

פון עשו, אבער יעקב אבינו האט עס נישט געזאגט, ער האט זיך געשפירט ווי ער איז נישט ראוי צו דעם.

פארוואס טאקע האט ער נישט גענוצט די טענה? די תשובה פארדעם ליגט אין די ווערטער וואס יעקב אבינו האט געזאגט שפעטער ׳כי במקלי׳ עברתי את הירדן הזה. דיווארט ׳במקלי׳ איז נוטריקון די ווערטער ׳קל לי׳ וואס הייסט אז יעקב אבינו האט געזאגט אז די נסיון וואס ער האט געהאט איז אים אנגעקומען גרינג בייצוקומען, און וועגן דעם האט ער עס נישט גערעכנט פאר א זכות.

יעדער נסיון איז שווער, אבער ווען מען גרייט זיך צו די נסיון פריער מיט ישוב הדעת ווערט עס גרינגער, און דאס האט יעקב אבינו מרמז געווען זאגנדיג דער ׳כי במקלי עברתי את הירדן הזה׳. יעקב אבינו האט מודיע געווען אז נאך אסאך איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג פארלאזנדיג די שטוב פון זיין פאטער האט ער זיך געגרייט דערצו, און וועגן דעם איז עס אים בייגעשטאנען און ער האט עס געקענט איבערלעבן.

ווען ער האט געשיקט די שליחות צו עשו הרשע האט ער עס אהערגעשטעלט אלץ א גרויסער זאך און אים געוויזן דעם ענין ער זאל זיך שרעקן פון דעם, אבער בינו לבין קונו האט ער נישט געשפירט אז מען קען מאכן פון דעם אן עסק, ווייל ער האט זיך געגרייט אויף איר.

אין דער געדאנק ליגט א געוואלדיגער לימוד פאר אונז. עס מאכט זיך אסאך מאל אז אידן גייען אריבער שווערע נסיונות און מען זעט נישט קיין וועג ווי אזוי מען קען זיך שטארקן איבער איר. די סיבה דערצו איז ווייל ווען די נסיון ברענט איז אוממעגליך זיך צו שטארקן איבער איר.

די עצה ווי אזוי מען קען זיך שטארקן איבער איר איז אז מען זאל אויסוועלן א צייט ווען מען איז בישוב הדעת און דאן אריינטראכטן אין דער נסיון און עס צונעמען. דאן וועט מען זען אז ווען מ׳צונעמט א זאך אויף קליינגעלט און מען צוברעכט עס אויף פיצלעך זעט מען ווי נאריש און ווי זינלאז די נסיון איז און ווי גרינג עס איז איר איבערצוקומען.

אין אזעלכע רואיגע מינוטן זאל מען זיך שטארקן און באשליסן ביי זיך אז יעבור עלי מה וועל איך זיך נישט רעכענען מיט די שוועריגקייטן, און דער יעצטיגער אנערקעניש וואס איך האב אז די נסיון איז נארישקייטן וועט מיר באגלייטן דאן און אזוי וועט טאקע זיין.

דער שטערקסטער און דער קרעפטיגסטער מיטל קעגן נסיונות איז ׳ישוב הדעת׳. די גבורה פון א נסיון איז דער בלבול הדעת, די צעמישטקייט, אבער ווען מען איז זיך מתגבר אויף ישוב הדעת קען מען עס גרינג מנצח זיין.

איך האב אמאל מיטגעלעבט ווי א איד וואס האט זוכה געווען צו ווערן אן אמת׳ער בעל תשובה רעדט מיט זיין ידיד א פרייער איד, און צייגט אים איבער אפצולאזן זיינע פינסטערע וועגן. דער איד האט גערעדט מיט א ברען, מיט אייפער, איבערצייגנדיג יענעם אז ער זאל אפלאזן זיינע אלטע וועגן און צוריקקומען צו אידישקייט.

ער האט גערעדט צו יענעם אבער די הרגשה וואס ער האט באקומען איז געווען אז יענער הערט נישט וואס ער רעדט צו אים, אז עס גייט אריין אין איין אויער און עס גייט ארויס אין די צווייטע.

אפציווארפן זיינע טענות האט געהאט אויף יעדע זאך אן אויסרייד פארוואס ער קען זיך נישט טוישן.

דער איד האט געכאפט אז נישט אין די טענה׳ס ליגט די נקודה, אז עס ליגט ערגעץ טיפער. נאך א לענגערע שמועס איז ארויסגעקומען די נקודה אז ער האט מורא אז ער וועט דארפן טוישן זיינע געוואוינהייטן און ער וועט נישט זיין מסוגל דערצו.

ווען דער איד האט געהערט די טענה האט ער אים בארואיגט זאגנדיג אז עס איז נישט אזוי שרעקעדיג ווי ער מיינט, און אז איינמאל אז מען איז שטארק ביי זיך און מען קומט אן צו די אנערקענונג אז אלעס איז פאלש - ווערט דער חלק פון זאגן ׳ניין׳ גרינגער.

עס איז באקאנט דער טייטש פון דער בעל יסוד העבודה פון סלאנים זי״ע אויפ׳ן פסוק אין איוב [יד, ד] מי יתן טהור מטמא לא אחד אז דער חילוק צווישן טהרה און טומאה איז איין מאל זאגן ׳לא׳, ווייל איינמאל אז מען ברעכט דורך די שקר - דארף מען מער נישט מורא האבן פון די טומאה.

דער געדאנק דארף באגלייטן דעם איד. מען דארף וויסן אז דער כח פון די רע איז דער בלבול הדעת און די פחד וואס ער זייעט אן אבער אין די רגע אז מען איז מיושב, אדער אז מען איז זיך מתגבר אויף אים, קען מען גרינג לויז ווערן פון אים.

אז מען האלט די נקודה קען מען אים בייקומען שנעל און גרינג, די ארבעט ווערט היבש לייכטער.

זאל הקב״ה געבן אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף די רע און זוכה זיין אז די איבערגענג אויף די וועלט זאל זיין אין די בחינה פון ׳במקלי׳, אז עס זאל אנגעקומען גרינג.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

# די גאנצע סומע

פאר לאנגע יארן שטיי איך אין שפיץ פון א גמ״ח, מיר פארבארגן געלט פאר אידן און העלפן זיי ארויס אין צייט פון נויט.

פון צייט צו צייט בין איך זוכה צו זיין אויסטערלישע השגחה פרטית׳ער ווען אידן זען בחוש ווי אזוי הקב״ה העלפט זיי ארויס אין זייער קלעמעניש.

איין אזא פאל האט זיך אפגעשפילט עטליכע וואכן צוריק. זיצנדיג אין די גמ״ח איז אריינגעקומען א איד וועלכער האט ביי אונז א גרויסער פקדון און געבעטן אז ער וויל עס ארויסנעמען פון די גמ״ח.

געווענליך וועט מען זיך דארפן איינמעלדן צוויי וואכן פריער, בפרט ווען עס רעדט זיך פון א פאנטאסטישע סומע, אבער דא האט דער איד זיך אנטשולדיגט אז אלעס איז געווען אזוי פלוצלונג, און געפרעגט צי עס איז שייך צו באקומען דאס געלט אזוי שנעל.

״איך האב נישט אזוי גרויסע סומע אין באנק״, האב איך א זאג געטון פאר דעם איד.

״אבער איך האב טשעקס וואס אידן האבן מיר געגעבן״.

אביסל פריער האט מיר א איד געווארענט איבער די טשעקס פון איין געוויסער איד, זאגנדיג אז דאס האט נישט קיין דעקונג און אז כ׳זאל עס נישט אריינלייגן אין באנק.

איך האב אנגעהויבן רעכענען וויפיל געלט עס איז געבליבן אין די קאונטע אויסער יענעמ׳ס טשעקס, און די תוצאה האט מיר שאקירט. עס האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז געווען די גענויע סומע וואס יענער האט מיר אפגעבעטן.

איך בין געווארן ערשטוינט ווי אזוי אויך אין אזא צייט ווען יענער בעט אפ אזא גרויסע פקדון העלפט מיר דער בורא כל העולמים און ער שטעלט מיר צו דאס געלט אין אזא פונקטליכער וועג, אז איך זאל האבן וואס כ׳דארף צו קענען אפגעבן פאר יענעם איד וויפיל געלט ער האט געדארפט צו האבן.

זייענדיג אזוי איבערגענומען פון דעם, בין איך ארויס אין די שכינות׳דיגע שול און דערציילט פאר מיינע נאנטע איבער די ישועות ה׳ וואס כ׳האב געזען דא.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער כח פון תפילה

**"וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֱלֹקֵי אָבִי אַבְרָהָם וֵאלֹקֵי וגו', הַצִּילֵנִי נָא וגו', וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב וגו'"** (לב, יב).

אינעם ספר הקדוש **צרור המור** איז ער דא מרמז א וואונדערליכער אנטפלעקונג, **אין די תפילה פון יעקב אבינו ע"ה**, ערקלערנדיג אז דאס איז שטימט פונקטליך מיטן סדר וואס אונזערע הייליגע **חכמינו ז"ל (ברכות לד.)** האבן מסדר געווען אינעם סדר פון די **תפילה פון שמונה עשרה**, וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ:

"אֱלֹקֵי אָבִי אַבְרָהָם, וֵאלֹקֵי אָבִי יִצְחָק, ה' הָאֹמֵר אֵלַי" – זוֹ הַתְּפִלָּה מְכֻוֶּנֶת כְּנֶגֶד שָׁלֹשׁ בְּרָכוֹת רִאשׁוֹנוֹת, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם 'אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב', שֶׁהֵם כְּנֶגֶד 'הָקֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא'.

"הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי וגו'" – זוֹ הִיא תְּפִלַּת בַּקָּשָׁה, הַמְּכֻוֶּנֶת כְּנֶגֶד בְּרָכוֹת הָאֶמְצָעִיּוֹת, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שְׁאֵלַת צְרָכִים.

"וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ וגו'" – כְּנֶגֶד שָׁלֹשׁ בְּרָכוֹת אַחֲרוֹנוֹת שֶׁל הוֹדָאָה, כְּמוֹ שֶׁתִּקְּנוּ בַּחֲתִימַת בִּרְכַּת מוֹדִים 'הַטּוֹב שִׁמְךָ וכו''.

כַּיּוֹצֵא בָּזֶה רֶמֶז גָּלוּי מֻפְלָא זֶה **בִּתְפִלַּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה (דברים ג, כד-כה)**: "אֶת גָּדְלְךָ, וְאֶת יָדְךָ הַחֲזָקָה, אֲשֶׁר מִי אֵל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", כְּנֶגֶד ג' רִאשׁוֹנוֹת. "אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה", כְּנֶגֶד אֶמְצָעִיּוֹת שֶׁל שְׁאֵלַת צְרָכִים. "הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה וְהַלְּבָנֹן", כְּנֶגֶד ג' אַחֲרוֹנוֹת וכו' עיין שם.

***

א גרופע חסידים האבן זיך אמאל ארויסגעלאזט צוזאמען אויף א 'נסיעה' צום הייליגן הויף פון **הרה"ק רבי נחום טשערנאבילער זצוק"ל, בעל 'מאור עינים'**, מיט אן אָרטיגער 'בעל עגלה'. וויבאלד זיי זענען געווען א מסודר'דיגע גרופע וואס האבן אנגעפילט א גאנצן וואגן, האט זיי דער בעל-עגלה גענומען גלייך צו זייער ציל, אן זיך אפצושטעלן ערגעץ אנדערש אויפן וועג.

אנקומענדיג קיין טשערנאבל, איז שוין געווען ביינאכט, און דער בעל-עגלה האט זיך גענומען אפרעדן אויף דעם וואס ער קען זיך נישט ארויסלאזן אויפן וועג צוריק, ווען עס איז שוין אזוי טונקל, און ער האט יעצט נישט קיין פלאץ צו שלאפן. די גוטהארציגע חסידים האבן זיך דערבארימט אויף אים, און אים מיטגענומען מיט זיי, ערקלערנדיג אז ביי זיי אין סטאנציע [אכסניא] וועלן זיי אים שוין באזארגן מיט א פלאץ צו שלאפן...

אזוי איז דער בעל-עגלה מיטגעגאנגען מיט די גרופע חסידים אויפן וועג צום גרויסן קלויז, ווי דער הייליגער טשערנאבלער מגיד האט זיך געפינען. ווי נאר זיי זענען אריינגעגאנגען אינעווייניג, האבן זייערע ארטיגע חברים זיי אויפגענומען מיט גרויס ליבשאפט און שמחה, און פון אלע זייטן האבן זיי באקומען פילצאליגע 'שלום עליכם' רופן. נאר דער בעל-עגלה איז געבליבן שטיין אין א זייט. ער האט קיינעם נישט געקענט, און קיינער האט אים נישט געקענט. ער האט געווארט אומגעדולדיג אז מען זאל אנהייבן דאווענען מעריב, וואס האט געדארפט פאָרקומען גלייך ווען דער הייליגער רבי וועט אריינקומען אין בית המדרש.

און אט האט זיך א שטארקע שטילקייט אראפגעלאזט אין בית המדרש. דער הייליגער רבי האט זיך באוויזן, און מען האט אנגעהויבן צו דאווענען. די חסידים האבן געדאווענט, ווי זייער שטייגער, מיט גרויס באגייסטערונג און מיט א הייליגן פלאם, און דער דאווענען האט זיך זייער לאנג פארצויגן, אינדערצייט וואס דער בעל-עגלה האט געדאווענט שנעל און אפגעכאפט ווי זיין שטייגער... און ביי זיך אין הארץ איז ער געווען פול מיט צארן און פאראיבל אויף די חסיד'אקעס וואס דאווענען און דאווענען און ענדיגן נישט צו דאווענען...

נאכן דאווענען זענען אלע 'אורחים' צוגעגאנגען צום רבי'ן צו נעמען שלום, און צווישן זיי איז אויך אונזער בעל-עגלה צוגעגאנגען. ווען דער רבי האט געזען א 'פנים חדשות' פאר אים, האט ער אים אויפגענומען מיט ווארימקייט און נאכן אים הארציג באגריסן האט ער אים געפרעגט וואס ער טוט, און פון וואו ער קומט. האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז ער איז דער בעל-עגלה וואס האט אהערגעברענגט די גרופע חסידים, און דערביי האט ער נישט באהאלטן זיין התפעלות פון די גוטהארציגקייט פון די חסידים, וועלכע האבן אים מיטגענומען צו זייער אכסניא. - נאר דאס קען איך נישט פארשטיין, האט דער בעל-עגלה צוגעגעבן, וויאזוי האבן די חסידים אזויפיל צייט צו דאווענען אזוי לאנג? אט איך, בין אזוי פארנומען א גאנצע וואך על המחיה ועל הכלכלה, ווי נאר עס ווערט טאג דארף איך זיך שוין ארויסלאזן אויף מיינע נסיעות, און אזוי גייט עס ווייטער ביז ביינאכט! און איך האב כמעט נישט קיין צייט צו דאווענען... איך זאג טאקע גלייך אינדערפרי דעם 'מודה אני' און די ברכות השחר, אבער פאר מער פון דעם האב איך נישט קיין צייט! און אט די חסיד'אקעס האבן די גאנצע צייט אין די וועלט, צו דאווענען לויט ווי זייער הארץ גלוסט!

דער הייליגער רבי האט אים אויסגעהערט, און ווען דער בעל-עגלה האט געענדיגט רעדן, האט ער געזאגט צו אים: קום, וועל איך דיר דערציילן א שיינע מעשה, הער גוט צו, און וועסט פארשטיין פון וואס עס רעדט זיך!

***

אמאל איז געווען א גרויסער עושר, וואס ביי איינס פון זיינע רייזעס איז ער אנגעקומען אין אן ערב שבת קודש צו אן אומבאקאנטע שטעטל, און ער איז צוגעגאנגען צום ארטיגן אכסניא זיך דארט אויפצוהאלטן פאר שבת. דער בעל אכסניא, וועלכער איז געווען א טייערער איד און ירא שמים, האט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, און אים צוגעוויזן זיין צימער. נאנט צו דער צייט פון ליכט צינדן, איז דער גביר צוגעגאנגען צום בעל הבית, און אים געפרעגט: צי געפינט זיך דא אפשר א **'פייער-קאסע'**, וויבאלד ער האלט ביי זיך א גרויסן פארמעגן!

זיכער! האט דער בעל הבית געענטפערט. פונקט פאר אזעלכע חשוב'ע געסט ווי אייך, האלטן מיר דא אן אויסגעצייכנטער 'פייער קאסע'! - דער גביר האט גוט אפגעציילט דאס געלט, און עס אריינגעלייגט אינעם אפגעהיטענעם פייער קאסע. דורכאויס דעם גאנצן שבת איז דער עושר געווען זייער אומרואיג צוליב זיין געלט, ווער ווייסט צו דער בעל הבית וועט אים נישט אפלייקענען נאך שבת, און זיך מאכן ווי ער האט נישט באקומען פון אים קיין שום פיקדון... און דא ליגט דאך א ריזן 'פארמעגן' וואס ער האט אנגעזאמלט מיט גרויס מי און פלאג פון פילע חדשים!

אזוי איז אריבערגעגאנגען אויף אים דעם שבת מיט גרויס זארג און אנגעצויגנקייט, אן צו געפינען קיין מנוחה... ווי נאר די שבת איז ארויסגעגאנגען, און די דריי שטערן האבן זיך באוויזן אויפן הימל, איז ער אריינגעגאנגען צום בעל הבית, און שטרענג געפאדערט: געב מיר מיין געלט!

מיט א שמייכל האט אים דער בעל הבית געזאגט: איך פארשטיי אז איר זענט זייער באזארגט וועגן די געלט, וועל איך שוין יעצט עפענען דעם פייער קאסע, און נעמט אייך אייער געלט געזונטערהייט.

'ברוך השם', האט דער גביר געטראכט צו זיך מיט פארלייכטערונג, דער בעל הבית לייקנט נישט דעם פיקדון. יעצט בלייבט נאר איבער צו ציילן די באנקנאטן [שטרות] און זען צי דער סומע שטימט, אדער דער בעל הבית האט 'אראפגעציפט' עטליכע פראצענט דערפון...

האט זיך דער גביר א ר א פ ג ע ז ע צ ט, און מיט א שטארקן קאנצענטרירונג [ריכוז] אנגעהויבן ציילן געדולדיג דאס געלט. אין אנהייב האט ער געציילט די גרויסע שטרות פון טויזנט פינף הונדערט רובל, און געזען אז אלע זענען דארט, פונקט אינעם זעלבן מצב וואס ער האט עס איבערגעגעבן פארן בעל הבית אום ערב שבת קודש. דער עושר האט אפגעאטעמט מיט פארלייכטערונג: 'ברוך ה', פון די גרויס-געלט פעלט גארנישט'!

יעצט איז ער צוגעגאנגען ציילן די קלענערע שטרות, די הונדערטערס, פופציגערס און צענערס, און אלעס האט געשטימט 'אויפן האָר', קיין איינס האט נישט געפעלט! אבער, ווען ער האט אנגעהויבן ציילן די קליינטשיגע מטבעות, איינס ביי איינס, מיטן זעלבן געוואלדיגן ערנסטקייט, האט ער פלוצלונג געפילט א לייכטן קלאפ אין פלייצע...

איר שעמט זיך נישט?! האט דער בעל הבית געפרעגט, טיף באליידיגט. איר זענט מיר נאך אלץ חושד אז איך האב גע'גנב'עט פון אייך די פרוטות! איר האט דאך געזען אז איך האב נישט אנגערירט די גרויס-געלט! און אלעס ליגט דא פאר אייך בשלימות! איז דען נאך געבליבן אן ארט צו חושד זיין אז איך האב געטשעפעט די קליין-געלט? אויב בין איך א גנב, וואלט איך דאך אוודאי צוגענומען אויך פון די גרעסערע געלט...!

אויך דו – האט רבי נחום צוגעענדיגט דעם געוואלדיגן מוסר-השכל וואס קומט ארויס פונעם שיינעם דערציילונג – טוסט דאך אליין דאנקען דעם אויבערשטן יעדן אינדערפרי, דעם מלך חי וקים, דערפאר וואס ער האט דיר צוריקגעגעבן דיין נשמה און געמאכט אז דו זאלסט לעבן. דערנאך גייסטו און דו רעכנסט אויס אלע גוטע 'מתנות' וואס דו האסט באקומען יעצט אינדערפרי - זוקף כפופים, מלביש ערומים, הנותן ליעף כח, און אזוי ווייטער. - און נאך אלץ מאכסטו א 'חשבון' מיט השי"ת אויף איין שעה פון דאווענען, און האסט מורא אז דער אויבערשטער וועט דיר נישט באצאלן דערפאר...? אויב דיין גאנצע לעבן, דאס געזונט און ארדענונג פון דיינע איברים האט ער מסדר געווען פאר דיר אויפן בעסטן פאַרנעם, פארוואס זאלסטו אים חושד זיין אז דורכן חשבון פון דער צייט פון דאווענען וועסטו דערלייגן...?!

**דאס קומט אונז לערנען, וויפיל גוטס דער אויבערשטער טוט מיט אונז טאג טעגליך, און עס איז נישטא קיין שום אָרט צו מורא האבן טאמער מען וועט פארלירן פון די פרנסה צוליב דער צייט פון דאווענען, אזוי ווי עס באוואוסט די געוואלדיגע זכות און סגולה פון 'תפילה בציבור' פאר פרנסה טובה ולכלכלה, אמן.**

***

דער שטייגער פון דער **בעל שם טוב הקדוש זי"ע** איז געווען, אז אפטמאל אום מוצאי שבת קודש, פלעגט ער לאזן איינשפאנען די פערד און וואגן און זיך ארויסגעלאזט צו זיינע הייליגע וועגן. 'אלעקסיי' דער לאנגיעריגע בעל-עגלה האט שוין גוט געוואוסט פון זיין הייליגער שטייגער, אז ווי נאר מען גייט ארויס פון שטאט, דארף ער אפלאזן די לייצעס, און לאזן די פערד אליין גיין אויפן וועג... דער רבי האט געבעטן זיינע הייליגע תלמידים אז זיי זאלן זיך אויסדרייען צו אים, און אזוי איז ער געזעצן אין וואגן מיט א געהויבענעם דביקות, און די פערד זענען געלאפן און געפלויגן מיט קפיצת הדרך גלייך צום ציל פון דער הייליגער בעל שם טוב.

גאנץ שנעל זענען זיי אלע אנגעקומען צו גאר א ווייטע שטאט, וואו די פערד האבן זיך ספאנטאניש אפגעשטעלט נעבן דער הויז פון א איד וואס האט דארט געוואוינט. דער בעש"ט הקדוש איז אראפגעגאנגען פונעם וואגן צוזאמען מיטן גאנצן חשוב'ן גרופע, און זענען אריינגעגאנגען אינעווייניג אין הויז.

ווען דער בעל הבית האט געזען אזעלכע חשוב'ע מענטשן, האט ער זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד, טראצדעם

המשך אין עמוד ד' >

>>> | טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

וואס ער האט זיי בכלל נישט געקענט, און האט זיי אריינגענומען ביי זיך אינדערהיים בסבר פנים יפות. נאך א הארציגער 'שלום עליכם' האט ער זיי געפרעגט: פון וואו קומט איר? און הערנדיג אז זיי זענען פון די ווייטע שטאט 'מעזשיבוזש', האט ער זיי גלייך געפרעגט צי זיי קענען דארט דער בעל שם טוב?

אבער דער בעש"ט האט אים צוגעאיילט און געזאגט: פרעגט נישט צופיל פראגן, איר זעט דאך אז מיר זענען נארוואס אנגעקומען פון וועג, לאמיר עסן אינאיינעם די סעודה פון מלוה מלכא!

דער איד האט זיך זייער געפריידט מיט זיינע טייערע געסט, און האט זיי צוגעגרייט א שיינעם טיש לויט זיין מעגליכקייט, און דערביי האט ער זיך ענטשולדיגט פאר זיי אז וויבאלד זיי זענען אנגעקומען אן צו לאזן וויסן פון פאראויס, האט ער נישט צוגעגרייט א גרויסע סעודה אזוי ווי עס וואלט געפאסט פאר אזעלכע חשוב'ע מענטשן. די געסט האבן אים אים בארואיגט, ערקלערנדיג אז עס פעלט בכלל נישט אויס צו מאכן א גרויסע סעודה, און זיי דארפן נישט מער ווי צו קענען מקיים זיין די מצוה.

נאכן ענדיגן די סעודה, זענען זיי געבליבן איבערנעכטיגן אינעם הויז פונעם איד, און אויפשטייענדיג אויפצומארגנס האט זיך דער בעל שם טוב נישט געאיילט צו גיין אין וועג, נאר ער איז געבליבן דארט אין שטעטל ביז די נאכט איז צוגעפאלן, און אויך די צווייטע נאכט איז ער געבליבן דארט אין הויז מיט זיינע תלמידים. קיין איינער פון די בני החבורה האט נישט געוואוסט און נישט געכאפט וואס איז דער ציל פון אט די 'נסיעה', פונקט ווי דער גאסטגעבער האט דאס נישט געקענט פארשטיין, אינדערצייט וואס ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות זיי צו באדינען און זיי דערלאנגען אלע זייערע געברויכן.

דער בעל הבית איז אבער נישט געווען צווישן די עשירים פון שטעטל, און דאס איז נאך ווייניג געזאגט... ער האט קוים געשפייזט זיין הויזגעזינד בצמצום, און יעצט ווען עס איז אנגעקומען אזא חשוב'ע גרופע צו זיין הויז, האט ער זיי געדארפט צושטעלן עסן און אלע אנדערע געברויכן. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט ער געדארפט 'פאר'משכונ'ען' עפעס א חפץ פון זיין הויז, צו קענען בארגן געלט, אויסצוהאלטן דער הייליגער בעל שם טוב און זיינע תלמידים וואס האבן זיך געפינען אין זיין הויז.

אויך אינעם צווייטן און דריטן טאג האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב נישט געאיילט אין וועג, ביז אום מיטוואך האט דער הייליגער בעש"ט געהייסן אז מען זאל פאקן פעקלעך, ווייל היינט פארנאכטס וועט מען זיך בעזרת השם ארויסלאזן אין וועג!

דער איד האט טאקע זייער פייערליך אפגעהיטן די מצוה פון הכנסת אורחים, און יעדן טאג וואס זיי האבן זיך אויפגעהאלטן ביי אים אינדערהיים האט ער געדארפט פאר'משכונ'ען נאך עפעס און שאפן נאך געלט כדי צו צושטעלן פאר זיי עסן און אלע אנדערע געברויכן. - ער האט זיך אבער בכלל נישט באקלאגט, נאר אויסגעפירט די מצוה מיט גרויס שמחה.

אבער ווען עס איז געקומען דער צייט זיך צו געזעגענען, איידער דער בעש"ט הקדוש האט זיי געהאלטן ביים בענטשן מיטן ברכת האורח, האט ער געהערט ווי די באלעבאָסטע רופט זיך אן צו איר מאן מיט א געוויין, אז יעצט איז גארנישט געבליבן אין הויז, און מיט וואס וועט מען מאכן שבת? און נישט נאר האבן זיי נישט קיין געלט, נאר עס ליגט נאך אויף זיי אלע חובות פון א גאנצע וואך...! ווען דער איד האט דאס געהערט, האט ער ארויסגעלאזט א 'קרעכץ' פון זיין מויל, און אויפהייבנדיג זיינע הענט צום הימל, האט ער געזאגט: "השי"ת וועט אונז אוודאי העלפן, מיר דארפן נאר מתפלל זיין צו אים"!

דערנאך, ווען זיי זענען אריינגעגאנגען צום הייליגן בעש"ט זיך צו געזעגענען, האט ער געזאגט צו זיי: וויסן זאלט איר, אז איך בין דער בעל שם טוב, און איך בין ספעציעל אהערגעקומען פון די שטאט מעזשיבוזש. אין זכות פון די גרויסע מצוה וואס איר האט זיך מטריח געווען פאר מיינעטוועגן, טו איך אייך בענטשן מיט גרויס עשירות און מיט שפע בעזרת השם יתברך! און ער האט זיך תיכף ארויסגעלאזט אין וועג אין באגלייטונג פון אלע תלמידים.

עטליכע שעה שפעטער, נאך אינעם זעלבן טאג, האט זיך געהערט א קלאפעריי אויפן הויז פונעם בעל הבית. ווען מען האט געעפנט די טיר, האט מען געזען ווי דארט שטייט אן עלטערער גוי וואס האט געוואוינט דארט אין שטאט, וועמען זיי האבן גוט געקענט, און האט געבעטן אז ער וויל רעדן מיטן בעל הבית.

ווען דער בעל הבית איז ארויסגעגאנגען צו אים, וועלנדיג הערן וואס ער וויל, האט ער געבעטן אריינצוגיין מיט אים אין א פארמאכטן צימער, און ווען זיי זענען שוין געווען 'אונטער פיר אויגן' האט ער זיך אנגערופן: אט בין איך שוין זייער אלט געווארן, און לעצטנס בין איך געווארן זייער שוואך. איך האב אן איינציג זון וועלכער וויל מיר גארנישט העלפן, ער פייניגט מיר נאר און לייגט נישט צו קיין האנט ווען איך דארף... - וויסן זאלסטו אז איך בין א גרויסער עושר, און איך וויל נישט מאכן ירש'נען מיין גרויס פארמעגן פאר אזא בן סורר ומורה. דעריבער בעט איך דיר, וויבאלד איך קען דיר גוט צוזאמען מיט דיין טייערע משפחה ווי גוטהארציג איר זענט, זאלט איר אזוי גוט זיין און מיר האלטן ביי אייך אינדערהיים, אין דאס ביסל צייט וואס עס איז מיר נאך געבליבן צו לעבן ביז צום טאג פון מיין שטארבן, און אלץ באצאלונג דערפאר וועל איך אייך מאכן ירש'נען מיין גאנצן ריזיגן עשירות!

און אזוי רעדנדיג, האט דער מענטש ארויסגענומען פון קעשענע עטליכע גאלדענע מטבעות, און עס דערלאנגט צום בעל הבית, וועלכער איז ארויסגעגאנגען און זיך דורכגערעדט דערוועגן מיטן באלעבאסטע. זיי האבן גערעדט עטליכע מינוט, דורכטוענדיג די פארשידענע צדדים פונעם 'געשעפט', און ענדליך איז דער בעל הבית צוריקגעקומען מיט א פאזיטיווע תשובה, צום גרויס פרייד פונעם גוי, ערקלערנדיג אז דערמיט איז געקומען דער ענדע פאר אלע ליידן און צרות וואס זיין זון האט אים צוגעברענגט.

די פרוי האט זיך גלייך ארויסגעלאזט ברענגען פון אלעם גוטן מיט אט די טייערע מטבעות, און האט צוגעגרייט א גוטע קרעפטיגע מאלצייט לכבוד דעם גאסט - דער נייער איינוואוינער, און די גאנצע משפחה האט אויך געניסט פון די קרעפטיגע מאכלים...

נאכדעם וואס דער גוי האט זיך פיין געזעטיגט מיט די גוטע סעודה, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און איז צוריקגעקומען מיט עטליכע אנגעשטאפטע זעק, פול מיט טייערע און גלאנציגע גאלדענע מטבעות! דאס איז געווען א ווערדפולער אוצר וואס דער גוי האט זיך באהאלטן דורכאויס זיין לעבן און האט אים קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם, און יעצט האט ער עס געברענגט צום הויז פון דער איד.

דער אלטער גוי האט באקומען א שיינעם 'צימער', וואס מען האט שיין מסדר זיין פאר אים, און האט זייער הנאה געהאט זיך געפינענדיג צווישן די חשוב'ע בני המשפחה. אין די ערשטע טעג וואס ער האט זיך אויפגעהאלטן אין זייער הויז, איז דער גוי געווען זייער פרייליך און צופרידן, און האט נישט אויפגעהערט דאנקען די משפחה פארן טוען דעם גרויסן חסד מיט אים, ערקלערנדיג אז ער האט קיינמאל נישט געפילט אזא רואיגקייט און אנגענעמקייט ביי אים אינדערהיים, וואו עס האט שטענדיג געהערשט מלחמה און מחלוקת.

אבער פלוצלונג, נאך עטליכע טעג, איז געקומען דער סוף פון דעם גוי און ער איז געשטארבן, איבערלאזנדיג נאך זיך א 'ריזיגע ירושה' פאר די חשוב'ע משפחה, וועלכע איז פלוצלונג פארוואנדלט געווארן אין גאר א רייכע משפחה, ווי די הייליגע ברכה פון דער בעש"ט הקדוש.

זייער שנעל איז דער נאמען פון דער בעל הבית דערהויבן געווארן לרום המעלה, און ער איז באוואוסט געווארן אלץ א חשוב'ער גביר וואס איז רודף צדקה וחסד.

נאך א קורצע תקופה, האט זיך דער נייער גביר ארויסגעלאזט אויף א נסיעה קיין מעזשיבוזש צו דאנקען דעם בעש"ט פאר זיין ברכה. - אנקומענדיג צום הייליגן צדיק, איז ער אויפגענומען געווארן בשמחה און בכבוד, און אריינגייענדיג אינעווייניג, האט אים דער בעש"ט געזאגט: זעץ דיך אוועק, און איך וועל דיר אלעס געבן צו פארשטיין.

מן השמים האט מען גוזר געווען אויף דיר גרויס עשירות, נאר וויבאלד דו פון דיין זייט האסט נישט מתפלל געווען און האסט נישט געבעטן השי"ת פאר פרנסה, האט דער שפע נישט געקענט אראפקומען צו דיר פון הימל - דיין גרויס עשירות האט געווארט פאר א תפילה וואס קומט ארויס פון דיין מויל! - און וויבאלד מיט דאס ביסל פרנסה וואס דו האסט געהאט אין הויז, איז אייך געלונגען זיך דורכצושטופן בדוחק, האסטו נישט געפילט קיין צורך צו מתפלל זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אויבערשטן. דעריבער האב איך געדארפט קומען צו דיין הויז צוזאמען מיט מיינע תלמידים, און זיך דארט אויפהאלטן פאר עטליכע טעג, ביז איך האב געזען אז עס האט זיך כמעט געענדיגט די לעצטע פרוטה פון הויז, און דעמאלטס האב איך געהערט דאס קרעכץ וואס קומט ארויס פון דיין מויל, מיט א תפילה ובקשה פארן באשעפער וואס ער איז דער זן ומפרנסה, און דערמיט האסטו געעפנט די טיר פאר ברכה, און איך האב געקענט ברענגען פאר דיר דעם געוואלדיגן עשירות וואס איז נגזר געווארן אויף דיר פון הימל.

**ביז סוף ימיו איז דער איד געווען א גרויסן עושר, און איז באוואוסט געווארן אלץ מכניס אורח בהידור רב, און האט פארטיילט גרויס-געלט פאר צדקה ווען מען האט אים נאר געבעטן, בְּעַיִן טוֹבָה וְרוּחַ נְדִיבָה.**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173